**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט נייע נאציאנאל-פירנדע רעגולירונג צו אוועקשטעלן ברייטע קאנסומער באשיצונגען פאר קויף יעצט, באצאל שפעטער הלוואות**

***רעגולאציעס פירן איין לעגיסלאציע וואס שטעלט אוועק לייסענסינג און אויפזיכט סטאנדארטן פאר קויף יעצט, באצאל שפעטער הלוואה ארויסגעבער, פארלאנגנדיג דיסקלאוזשערס, סטאנדארטן, באגרעניצונגען און דאטא פריוואטקייט באשיצונגען***

***בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס קאנסומער באשיצונגען אגענדע אריינגערעכנט ערשטע-אינעם-לאנד סורוועילענס פרייזן געזעץ, באקעמפן אויווערדרעפט טשארדשעס און אוועקשטעלן א סטאנדארט פאר אנליין ריטעיל ריטורנס און ריפאנדס***

***כאפט א בליק אויף די פארגעשלאגענע רעגולאציעס [דא]()***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) האט ארויסגעשטעלט פארגעשלאגענע פארשריפטן צו באשיצן ניו יארקער וועלכע נוצן קויף יעצט, באצאל שפעטער (Buy Now, Pay Later) פינאנצירונג אפציעס. די רעגולאציעס טוען איינפירן די געזעץ אונטערגעשריבן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) אלס טייל פון איר בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר, אוועקשטעלנדיג לייסענסינג און אויפזיכט סטאנדארטן פאר ארויסגעבער פון קויף יעצט, באצאל שפעטער הלוואות, און באשיצן קאנסומערס דורך פארלאנגטע דיסקלאוזשערס, סטאנדארטן צו שליכטן מיינונגס-פארשידנהייטן, באגרעניצונגען אויף טשארדשעס, און דאטא פריוואטקייט באשיצונגען.

"צופיל ניו יארקער האבן זיך געלערנט אויף די אייגענע ביינער אז געוויסע 'קויף יעצט, באצאל שפעטער' פראדוקטן זענען געאייגנט זיי אריינצונארן מיט דשאנק טשארדשעס און איבעריג-קאמפלעצירטע קליינע שורות אנשטאטס זיי העלפן בויען א סטאביליע פינאנציעלע צוקונפט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די נייע נאציאנאל-פירנדע רעגולאציעס מאכן זיכער אז הלוואה ארויסגעבער ווייסן אז מיר האבן קלארע דיסקלאוזשערס, באגרעניצונגען אויף טשארדשעס און עכטע איבערזיכט אז פאמיליעס זאלן נישט אריינגעשטופט ווערן אין א גלגל פון חובות בשעת גרויסע פינאנציעלע פירמעס מאכן געלט אויף זיי."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס עקטינג סופעראינטענדענט Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) האט געזאגט,** "עס איז אונזער אחריות צו זיכער מאכן אז אינוואציע קומט צוזאמען מיט שטארקע קאנסומער באשיצונגען, כדי ניו יארקער זאלן קענען נוצן נייע פינאנציעלע פראדוקטן פארזיכערטערהייט. די רעגולאציעס וועלן בשליסן וויאזוי קויף יעצט, באצאל שפעטער פירמעס אפערירן אינעם סטעיט, באשיצנדיג ניו יארקער פון איבעריגע טשארדשעס און די אומפאסיגע באנוץ פון פערזענליכע דאטא, בשעת'ן פארזיכערן דורכזיכטיגע הלוואה טערמינען און א יושר'דיגע פראצעדור צו לעזן מיינונגס-פארשינדהייטן."

קויף יעצט, באצאל שפעטער הלוואות ווערן מער און מער פאפולאר, אבער די פראדוקטן זענען נישט אויסגעשטעלט צו קיין גלייכע פארשריפטן אנבאלאנגט די ארויסגעבונג פון הלוואה טערמינען, דאטא פריוואטקייט, קרעדיט באריכטונג, און טשארדשעס צו וואס אנדערע קאנסומער הלוואות מוזן זיך האלטן. אין 2025, האט גאווערנאר Hochul (האקול) איפגעטריבן שטיצע פאר'ן געזעץ צו אוועקשטעלן שטערקערע איבערזיכט אויף די שנעל-וואקסנדע פינאנציעלע סעקטאר. די געזעץ שאפט א ברייטע לייסענסינג און אויפזיכט סטאנדארט פאר קויף יעצט, באצאל שפעטער פראוויידערס.

די רעגולאציעס וואס זענען היינט ארויסגעשטעלט געווארן וועלן איינפירן דעם געזעץ דורך:

- אוועקשטעלן א לייסענסינג און אויפזיכט סטאנדארט פאר סיי וועלכע ענטיטיס פארמישט אין קויף יעצט, באצאל שפעטער אקטיוויטעטן אין ניו יארק;
- פארבאטן איבעריגע טשארדשעס, אריינגערעכנט באקוועמליכקייט טשארדשעס, און באגרעניצן שפעטיגונג טשארדשעס און אנדערע סארטן שטראף טשארדשעס;
- פאדערן פון הלוואה ארויסגעבער צו קלאר מאכן פאר ניו יארקער איבו הלוואות וועלן באריכטערט ווערן פאר קרעדיט באריכטונג אגענטורן;
- אוועקשטעלן פארשריפטן פאר צייטליכע שליכטונג פון קאנסומער מיינונגס-פארשידנהייטן; און
- באשוצן קאנסומער דאטא פון אומפאסיגע באנוץ און אויסנוצונג.

די דרעפט רעגולאציעס טוען רעפלעקטירן דאס וואס די אפטיילונג האט אין באטראכט גענומען אינפארמאציע אריינגעגעבן פאר איר פרי-פארשריפט באשטימונג בקשה פאר אינפארמאציע אויף טשארדשעס סטראקטורן, די ריזיקע-אפשאצונג פראצעדור, און די השפעה וואס טשארדשעס און ריבית באגרעניצונגען קענען האבן אויף קויף יעצט, באצאל שפעטער פראדוקט ריזיקע-אפשאצונג און ביזנעס.

די פארגעשלאגענע רעגולאציע איז אויסגעשטעלט צו א 10-טאגיגע פרי-פארשלאג קאמענטארן תקופה אנגעהויבן פון היינט. א 60-טאגיגע פובליק קאמענטארן תקופה וועט פארזעצן נאך די פובליקאציע פון די פארגעשלאגענע רעגולאציעס אין די סטעיט רעגיסטער. די געזעץ און רעגולאציע וועלן אריינגיין אין קראפט 180 טעג נאך וואס די געזעץ ווערט אנגענומען, מיט נאך אן אריבערגאנג תקופה פאר די וואס שטעלן שוין יעצט צו BNPL הלוואות אין ניו יארק.

די מעלדונג בויעט אויף גאווערנאר Hochul'ס (האקול) נאציאנאל-פירנדע קאנסומער באשיצונגען. אלס טייל פון איר עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר, האט גאווערנאר Hochul (האקול) געשטופט פאר ערשטע-אינעם-לאנד סורוועילענס פרייזן געזעצן אז ניו יארקער זאלן קענען מאכן אינפארמירטע אויסוואהלן; גרינגערע קענסעלעישענס פאר אנליין סובסקריפשענס, סטאנדארטן פאר אנליין ריטעיל ריטורנס און ריפאנדס, און שטערקערע באשיצונגען פאר אומ'יושר'דיגע איוווערדרעפט טשארדשעס.

באזוכט די DFS וועבזייטל צו [איבערקוקן די פארגעשלאגענע רעגולאציעס אדער איבערגעבן קאמענטארן].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן